## „נקום ינקם“

(שמות כ״א כ״א)

אַ ס׳איז קיין טראָפּעלע טוי נישט געווען,
און נישט אויף אַ בליענדיקע רויז —
דורך מיינע טרערן כ׳האָב אַ וווּנד געזען,
ברענענדיק אַזוי אין גליאיק גרויס — —

און וווּ איז זי נישט ? אין יעטווידן האָרץ !
אין מיטן הימל די פרילינג־זון !
און יעדער אויפגאַנג, יעדער אונטערגאַנג
דאָס רינענדיקע בלוט ס׳איז דערפון.

אַז ווו זיך ראַטעווען, רו צו געפינען,
אַז פול מיט טויט יעטווידער געדאַנק ;
און אין די נעכט די פולע לבנה —
אַ ציל־שייב פאַר צילנדיקן טאַנק !

ס׳האָט גאָט זי אַליין אַרויסגעהאָנגען, —
פּונקט ווי זיין רעגן־בויגן אַמאָל !
ביז אָפּגעצאָלט ס׳וועט זיין די נקמה,
נישט פעלן ס׳זאָל אַ האָר אין באַצאָל.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאַכמיטאַגס

(אין שעלטער 63 מענסעל סטריט, א.1., 3 אַזייגער)

שבת דעם 19־טן יוני אַ פאָרטראַג פון ע. וואָטערמאַן איבער גאָרקי

שבת, דעם 26־טן יוני, וועט זיין אַ פאָרטראַג איבער די פאָלקס־לידער פון די פעלקער. די זינגערין לאה פייגענבלום וועט זינגען יידישע, איטאַליענישע און פראַנצויזישע פאָלקס לידער, די זינגערין חדוה גיטליס העברעאישע און סלאַווישע, און די זינגערין קאַטרין יודעל ענגלישע, שוועדישע, נאָרוועגישע און אַמעריקאַנישע.

שבת, דעם 3־טן יולי, וועט אליהו פאָלושאַק האַלטן אַ פאָרטראַג: „דער סוף פון אַן אַסימילאַציע“.

שבת, דעם 10־טן יולי, וועט זיין אַ פאָרטראַג איבער שבתדיקן זמירות, דער דיריגענט יעקב שערמאַן וועט זינגען אַלטן זמירות־נוסח און חסידישע ניגונים ביי רבישע טישן. י. ביטש וועט רעציטירן מענדעלעס איבערזעצונגען פון זמירות, די שוישפילערין דאָראַ דימענט וועט ליינען די דערציילונג „שבת“.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי
י. נאַראַדיצקי, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**6 פּענס**

לאָנדאָן - ווייטשעפּל — 15־טן יולי 1943

# ייִדישע קריטיקער

## איבער יידישע קריטיק און קריטיקער

דאָס האָט געזאָלט זיין דאָס דריטע העפטל אויף דער טעמע „יידיש שאַפן אין לאָנדאָן“. דאָס ערשטע איז געווען דער „אָנהויב“, דאָס צווייטע „דער איבערגאַנג“, און דאָס האָט געזאָלט זיין איבערן איצטיקן און ווייטערן שאַפן אין יידישן לאָנדאָן. אַז דער פּלאַן האָט זיך טיילווייז געענדערט און דאָס איצטיקע העפטל באַהאַנדלט אַן אַנדערן אָביעקט, האָט עס אפנים צו טון מיט דעם איינפאַכן נאַטור־געזעץ: מ׳מוז אַמאָל מאַכן אַ שריט אויף צוריק כדי צו קאָנען געבן דעם געצילטן שפּרונג...

די ערשטע צוויי עסייען זיינען געווען איבערן בראשית פונם יידיש־שרייבערישן אָנהויב דאָ — איבער אַן אַרויספּיקנדיק פייגעלע ערשט פון שאָל ! — איז געווען דער עיקר געדאַנק, צוגיין צום שטאָף וואָס צאַרטער, וואָס וויכער אים באַרירן: נישט דעם „קריטישן“ מעטאָד דערביי אָנצווווענדן, נאָר די פרייד מיטצופילן ווי איינער פון דער קליינער משפחה בשעת זי פאַרמערט זיך. אַ העלפנדיקע וואַרעמע האַנט צולייגן ביים אָפּנעמען דאָס שוואַך־געבוירענע ! ווער קאָן דען זען און ווער וויל דען זען, ביים פריש געבוירענעם, אַז ס׳איז נישט אַזוי מיט אַלעמען. און ווער גלויבט דען נישט — אַז מ׳איז נאָנט דערצו און מ׳וויל ס׳זאָל לעבן בלייבן, און מ׳וויל נישט אויסגיסן דאָס קינד מיטן וואַסער ! — אַז דאָס צו איבעריק גרויסע בייכל וועט זיך איינגעבן, ווי ביי אַלע פריש־געבוירענע, די נאָך בלינדלעך־בלינצענדיקע אייגעלעך וועלן ברוך־השם זעענדיק ווערן. און וועלכע פריש־געבוירענע האָבן דאָס נישט די „ענגלישע־קרענק“ ?

אָבער אַז די „איבערגאַנגס־צייט“ מיט פּאָקן און מאָזלען און אַלע אַנדערע פאַרשלעפּטע קינדער־קראַנקהייטן זיינען שוין כמעט פאַראיבער, און מ׳גלויבט, אָדער מ׳וויל גלויבן מאַכן, אַז מ׳האָט אַ דערוואַקסענעם און לעבנספעאיקן, דעמלט איז שוין דער חוב וואָס קריטישער, וואָס ערנסטער צוצוגיין צום ענין — דעם דערוואַקסענעם, און נאָכמער דעם וואָס האַלט זיך שוין גרויס און דערוואַקסן, נישט העלפן נאָך מער זיך איינריידן און פאַרצערטלען. דעריבער, פאַר דעם שווערן שפרונג פאַראויס, מיט פולן אחריות צו קענען זיך אַרויסזאָגן איבער דעם איצטיקן און ווייטערן שאַפן פון יידישן לאָנדאָן, דעם שריט אויף צוריק: אַ פּאָר ווערטער איבער דער יידישער קריטיק בכלל און איבער דער קריטיק דאָ אין אונזער ישוב.

1

## בעל - מחשבות און ש. ניגער

אונזער ערשטער קריטיקער דר. עליאַשעוו, בעל מחשבות — וואָס ביי זיין וואַרעם האַרץ האָט זיך אויסגעבריט די יידישע ליטעראַטור! — איז געוועזן איינער פון די לעבעדיקע נסים, וואָס זיינען געשען ביים בראשית פון אונזער מאָדערנעם יידישן שאַפן. זיין מאַמעדיקע ליבע צום יידישן לשון און זיין טאַטעדיקע זאָרג פאַרן מינדסטן פון אונזערע ערשטע שרייבער און פאָעטן איז ממש געווען עד כלות הנפש. האָט ער אָנגעטראָפן נאָר אַ ספק פון אַ טאַלענט האָט ער אים אויף די הענט געטראָגן, און זיין האַרץ, עליאַשעוו׳ס שעפעריש־פאַרליבטע האַרץ, האָט זיך געוויגט אין טויזנט חלומות — דער פתרון פון זיין וואַרעם וואַכעדיקן פאָלקס־האַרץ זיינען געווען די נייע שבטים־ברידער פון יידיש־שאַפנדיקן וואָרט; יידישע פאָרמען און זייער אייגנאַרטיקייט עסטעטיש געפאָרעמט אין קונסט איז געווען דער מהות פון זיין אומה און זיין אייגענער מהות. אָ, זיין געוואַלטיקע ליבע — און ממש קינדישע! — צום יידישן בוך, צו דער יידישער קונסט און צו זיינע שאַפער. יעדן איינעם האָט ער געוואָלט אָנטון אַ כתונת־פסים־העמדל, און זיין טאַטעדיקע מורא דערביי און זאָרג די אַנדערע זאָלן׳ס נישט דערזען —

„...אַט זיצן זיי אַלע אין פעלד און בינדן די סנאָפּעס". „און די זון און די לבנה און די עלף שטערן בוקן זיך..." אין די האַלבע פסוקים קאָן מען אַריינלייגן אַלע זיינע געבראָכענע ווערטער, פון זיין קראַנקן־בעט אַראָפּ, ווען מ׳פלעגט צו אים אַרויסקומען אין סאַנאַטאָריום אין טעגל ביי בערלין, אין די לעצטע חדשים פון זיין שווערן לעבן. און ווען ער פלעגט זיך צערעדן פון שלום אַש׳ן האָבן זיינע אויגן נחת׳דיק־פריידיק אויפגעשטראַלט סיי פונם „ויקנאו בו אחיו", ווייל „קנאת סופרים" איז דאָך „מרבה חכמה", און סיי פונם „ואביו שמר את הדבר".

דר. עליאַשעוו, בעל מחשבות, איז געוועזן דער טאַטע פון דער יידישער קריטיק! ברויך אַ טאַטע אַ מעטאָדע צו דערציען זיינע קינדער? די ליבע טוט עס! די געוואַלטיקע זאָרג פאַר זיי!! און קוקנדיק אַזאַ טאַטן אין די אויגן אַריין נעמט זיך ס׳ערגסטע און שלעכטסטע קינד פאַר גוט און אָרנטלעך צו זיין. דער ערשטער קריטיקער פון אונזער ליטעראַטור, מיט זיין געוואַלטיקער ליבע צו איר, איז ער געווען דער מיטשאַפער פון אונזער ערשטן דור שרייבער און פאָעטן.

דער יידישער קריטיקער וועלכער האָט אַריינגעבראַכט מעטאָדע אין דער יידישער קריטיק, געזעסן מיט גרויס דרך ארץ און מיט שווער־געבויגענעם קאָפּ פאַרן יידישן בוך, זיך צו דערגרונטעווען אין זיינע טיפענישן, גאָטוויסנדיק, אַז נאָר אַזוי אַרום קאָן מען די פערל און די קרעלן פונם תהום אַרויסבאַקומען. — די גמרא אונזערע, וואָלט זי דען אַ „ים התלמוד" געוואָרן, ווען נישט דאָס כסדר׳דיקע שווימען אין איר, אין דער לענג און אין דער ברייט, און דאָס וועלן זיך דערגרונטעווען ביז צו איר דנאָ? — דער יידישער קריטיקער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט פאָרשערישע מעטאָדע אין אונזער



שאַפן, און וואָס האָט די קריטיק אַלס אַזעלכע ענטוויקלט און קולטיווירט ווי אַ שעפערישן צווייג אין אונזער ליטעראַטור, איז דער קריטיקער ש. ניגער. און דער וויכטיקסטער פאַרדינסט פון ניגער׳ן, וואָס די מעטאָדע איז געווען אַ יידישע: פערזענלעך נאָנט צוגייענדיק צו יעטווידן בוך, צו יעדן מחבר עקסטראַ, עמפּיריש־אַנאַטאָמיש, — וואָרים נאָר אַזוי קאָן מען צוגיין מיט אַ וויסנשאַפטליכן מעטאָד! — איז פאַר זיינע אויגן תמיד געשטאַנען דער לעבעדיקער עם־הספר. ש. ניגער דערזעענדיק די דיפערענצירונגען, די פאַרשידענע מינים און כל־ערליי טיפן דורך זיין פאָרשערישן מיקראָסקאָפּ, האָבן זיי אָבער די יידישע פּראָפּאָרציע קיינמאָל נישט פאַרלוירן — די גענויע פּראָפּאָרציע פון אויג נישט צו פאַרלירן דאָס איז טאַקע דער באַווייז פון עכטער און עסטעטישער מעטאָדע.

וואָסער געוואַלטיקן גלויבן מוז מען האָבן, אַלס ערשטער, מיט אַזאַ צוגאַנג צוצוטרעטן צו אונזער שאַפן! מ׳מוז דאָך אויפהויבן דאָס בוך פון דער ערד, עס אַ קוש טון צוערשט, מאַכן מיט גרויס כונה די ברכה לעסוק בתורה, אַז מ׳זאָל זיך קענען דערין פאַרטיפן מיט אַזאַ אינערלעכע התמדה —

האָט בעל מחשבות פון אייגענעם צעווייטאָגטן האַרץ די פערל זיך אַרויסגעשניטן, צו באַהענגען דערמיט די כנסת־ישראל, די שכינה פון יידישן שאַפן — איז עס די ליבע געווען, די פּאָעטישע בענקעניש פון פאַרליבטן וואָס איז ער נישט פאַר אַלעם פּאָעיק, דער ליבענדער? דעם גאַנצן גליווער פון זיין בלוט אין קרעלן־ביטשן אויפציען, אָנצוטון עס אויפן האַלז פון זיין געליבטע; „בלינד איז די ליבע" און זי דערטאַפּט זיך אַזוי מיט פאַרשטייענדיקע לייענענדיקע הענט ביז צו די פעלזיקע ווענט, וואָס וואַקסן פונם תהום אַרויס איבער ימישע שטורעם ווינטן. זיצט ער אַזוי, אין דעם בראשית׳דיקן תוהו־ובוהו פון כוואַליעס און ווינטן, מיט זיינע וויזיאָנערישע שפאַקטיוו־אויגן, וואַרטנדיק אויפן אויפגיין פון די ערשטע שטערן, צו לייענען פון זיי דאָס מזל פון זיין אומה — דער פאַרליבטער, נשמה־יתירה׳דיקער, איז תמיד זיכער!

אָבער וואָסער געוואַלטיקן גלויבן מוז דער סקעפּטישער פאָרשער אין זיך האָבן צו קענען זיצן אַזוי וואַכעדיק געבויגן און בעל־מלאכיש אָנגעשטרענגט איבערן אויפגעעפנטן יידישן בוך מיט התמדה און עמקות, ווי ביים אָפענעם רוישיקן ברעג, און דעם גראַד פון יעדן צופלוס און אָפּפלוס גענוי פאַרצייכענען און יעטווידעס אַטאָמישע נפש׳ל אין יעדן וואַסער־טראָפּן מיקראָסקאָפּיש אַדורכנעמען — — און זיינען נישט מיליאָנען חיה׳לעך אין איין וואַסער־טראָפּן פאַראַנען? און איז דאָס נישט אַן אומבאַדינגטער נאַטור־געזעץ, אַז יעטווידעס נפש׳ל איז אַנדערש פונם צווייטן? מיט אַזאַ אַרבעטזאַמקייט און געוויסנהאַפטער אויסגעהאַלטנקייט צוצוגיין אַלס ערשטער צו אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, מוז מען האָבן אין זיך די כחות פון אַ „ראשון". און דאָס איז דער קריטיקער ש. ניגער פאַר אונזער יידישער ליטעראַטור!

צוצוטרעטן מיט מעטאָדע אַלס ערשטער צום מאָדערנעם שאַפן פון יידישן פאָלק, און דאָס אָקאָרשט זיך געשאַפענע אין מינים און אין גאַטונגען

איינצוטיילן און יעדעס ביים ריכטיקן נאָמען אָנרופן און סאָרטירן, מוז מען שוין אַליין זיין אַ מיטשאַפער, אַז מ'וואָגט עס ביי אונזער כאַאָטישקייט.

וואָרים וואָס איז דען „שאַפן" בכלל? אַ „יש מאין" קאָן דער מענטש נישט באַשאַפן! קונסט איז דאָס ליכטיקע פריזמאַטישע אַדורכשטראַלן דורך דעם מאָנטנעם תוהו־ובוהו; קונסט איז דער מענטשלעכער „כי טוב" אין באַגרענעצטן „ויהי ערב ויהי בוקר"! דורכן מעדיום פון זיין אייגענעם איך דערפאָרשט דער קינסטלער אין זיך גופא אַלע כאַאָטישקייטן פון דער בריאה, ער קאָן דערגיין צום יסוד און דעם סוד פון דער וועלט דורך איין איינציק עפּעלע אויף אַ בוים ווי דער „אדם־הקדמון", נאָך איידער די שלאַנג האָט זיך חניפיש אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַרץ. פאַרן עכטן גרויסן קינסטלער איז דער צווייטער מענטש נאָך זיין „עצם מעצמי", דאָס געביין פון זיין געביין, דאָס פליש פון זיין פלייש; פונם כאַאָס אַרויס אַרום זיך באַשאַפט ער אַלע זאַכן מיט זיין באַלעבעדיקן וואָרט, ער שפּירט אין זיך דאָס שפּראָצן פון יעדן געוויקסל. דער עכטער גרויסער קינסטלער שפּירט אין זיך יענע ריטמישע צאַפּל און דאָס זיך מזווג זיין פון די אור־פאָרמען וואָס באַשאַפן לעבן. דאָס איז דער סוד פון גרויסן עכטן שאַפן.

און דער סימן פונם עכטן גרויסן קריטיקער איז אַז ער קאָן די אַלע וועגן און שטעגן מיט זיין מיקראָסקאָפּישן בליק דעם שאַפנדיקן מיטבאַגלייטן, ער האָט מיט זיך די מעטאָדישע וועג־מעסטערס און וויסנשאַפטליכע פאַר־מו'לעס צו פּרוון עס געטריי און עמפּיריש; דער קריטיקער איז שוין דער „זינדיקער" „בן־אדם" וואָס שטרעבט און גלויבט צוריקצוגעפינען דעם וועג צום גן־עדן התחתון — ער איז דער מיט־שותף צום מעשה־בראשית! דורך מאַטערניש און אַרבעט דערגרייכט ער עס; דורך שווערע מי, מיטן שוויס פון זיין פּנים מוז ער זיך מיען אויפצואַקערן די האַרטע זינדיקע ערד, אַז ס'זאָל דערנערן דאָס באַשאַפענע. אויב דער דיכטער האָט אפשר דאָס רעכט אַמאָל צו זינגען ווי אַ פויגל אין־דער־לופט, צו זיין אַ זון־פאַרבלענדעטער אויספירער פון זיין אינטואיציע, מוז דער קריטיקער אָבער דערפאַר האָבן תמיד אַ באַוווסטע אויפגאַבע און אַן אויסגעהאַלטנקייט זי אויסצופירן.

אָבער פּונקט ווי דער עכטער דיכטער שפּירט אין זיך דער עכטער קרי־טיקער דעם ריטם פון לעבן, ער ווייסט די סודות און די יסודות פון וואָס דער מענטש און די וועלט איז צוזאַמענגעשטעלט, און דערפאַר לייענענדיק דאָס ווערק פונם שאַפער ווייסט ער געטריי וועלכער ריטמישער זאַץ און וועלכעס וואָרט־בילד איז אַ טייל פונם לעבעדיקן באַשאַפענעם און וועלכעס ס'איז בלויז צוגעטראַכט, אָדער נאָר בלויז אַרומגעשריבן — זיין האַרץ קלאַפּט דאָך מיט צום טאַקט פונם ריטם, זיין בליק שטראַלט דאָך מיט־אויף דערזעענדיק עס! די וויזיע פון די אור־פאָרמען און דער ריטם פון זייער צוזאַמענשטעלן איז דאָך דער גאַנצער תוך און די גאַנצע פאָרעם פון אַ קונסט־ווערק. און איז ער, דער קריטיקער, נישט דאָס באַפליגלטע וווּנדער־קינד, דאָס פאַרבליפּטע אויפשפּרינגענדיקע, אין אין־סופיקע געפאַרן־שוועבענדיקע ווי דער פּאָעט, איז ער דער נחת'דיק־פריידיקער און באַזאָרגטער טאַטע, וועלכער גייט־מיט מיט



דעם אַוואַנטוריסטיש־פאַרשפּילטן קינד ביזן תהום, באַשיצנדיק און וואָרנענדיק.

און אויף וויפיל דאָס יידישע געפאַרעמטע וואָרט איז געגאַנגען דעם וועג און דערגרייכט אַ באַשטימטע שטופע, אַלס שעפערישע ליטעראַטור, ווי קונסט־ווערק אין עסטעטישן פאַרמערישן זין, און די לעצטע 70־80 יאָר, איז די באַגלייטנדיקע יידישע קריטיק אינם טראָט נישט הינטערשטעליק געבליבן. די פּלעיאַדע איצט פון עלטערע און יונגערע קריטיקער קאָן שוין אויך גע־טיילט ווערן אין מינים און גאַטונגען: אין ליטעראַטור קריטיקער, פאָרשער, היסטאָריקער און רעצענזענטן אַ סך שוין גאָר וויכטיקע און מיט זייער נוצ־לעכע לייסטונגען פאַרן ווייטערן יידישן שאַפן. נאָר איינציקע פון די באַקאַנטע נעמען צו דערמאָנען, וואָס יעדער פון זיי האָט אויף זיין געביט פיל אויפ־געטון: נחום שטיף און נח פּרילוצקי, ריוקין און אויסלענדער, מייזל און דר. מוקדוני.

2

## די תלמידים פון פרישמאַן - חדר

איז נאָך אַ סאָרט פון קריטיקער פאַראַן, וואָס נישט זיי האָבן שוין דעם ווייטן שפּעקטיוון־בליק די פיינסטערע כמאַרעס אַדורכצושטעכן, די מזלות צו דערזען, און נישט זיי זיצן מיט דרך־ארץ און מיט געבויגענעם כובד־ראש איבערן יידישן בוך, מיקראָסקאָפּיש כאָטש צו דערזען דערין דאָס צוווייטאָג־טע פון פיין צעריסענע פּנים פונם ייד: אַזוי־אַ זיינען מיר אַ געהעצט געיאָגט פאָלק צווישן פעלקער; נאָך איידער מיר מיינען דעם אָטעם אָפּצודעכן, יאָגט מען אים פון אונז אַרויס — דאָס איז די אַטמאָספערע פאַר אונזער שאַפן! „הקב"ה וישראל ואורייתא חד הוא" — —

מיט טעאַטער־לאָרנעטן פון אייראָפּעאישע גאַלערקעס קומט דער דריטער סאָרט קריטיקער צו אונז צולויפן; ס'איז זיי נישט געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין די פרעמדע לאָזשעס, אָבער פּערספּעקטיוויש האָבן זיי זיי געזען, אין די ווונדערלעכסטע דימענזיעס; און זיך אַרויפשטופּענדיק צו דער יידישער מזרח־וואַנט, איז וואָס זעען זיי שוין נעבעך אינ'ם יידיש פּלוש, דורך זייערע טעאַטער־לאָרנעטן? האָבן זיי פולע מיילער תמיד מיטן „יפיפתו של יפת" און מיטן יידישן שונד — — —

זיי, די סאָרט קריטיקער, רעקרוטירן זיך פון יענע לאַנג־באַהאָרטע און באַשניפּסלטע בחורים, וועלכע ס'איז נישט געלונגען דעם קינסטלערישן ניצוץ, וואָס זיי האָבן געשפּירט אין זיך, אויפצופלאַמען צו פאַרמערישער שעפעריש־קייט, האָבן זיי אים צעבלאָזן אין קריטישע זייפן־בלאָזן. אָ, ווי ראַפינירט זיי שימערן דאָס פול מיט אַפאָריזמען און פּאַראַדאָקסן. תמיד מיט אַ וויי־חכמה'־דיקן שפּיצל און חריפישן אויפטו — דאָס זיינען יענע שופר־בלאָזער, וואָס איז „חכמה ואינה מלאכה"! אויף אַ יום־טוב'ל, אויף אַ יובילעאום, אַז אַ גדול שטאַרבט, אים צו באַוויינען, אַז אַ נייער שטערן גייט אויף אים אַראָפּצורייסן, לאָזן זיי אויפפליען זייערע זייפן־בלאָזן מיט אַ קנאַק — דאָס זיינען די יונגע פרישמאַנדלעך אין אונזער קריטיק!

זיי דערקענט מען קודם אין זייער נעגאטיווקייט (אפילו ווען זיי זיינען פארטייאיש זיינען זיי נישט פאזיטיוו אין זייער אייגענער פארטיי צומאל, ווייל...) זיי כאפן תמיד אן ס׳לינקע אויער מיט דער רעכטער האנט... און ווייל זיי ווילן כסדר באווייזן, אז זיי זיינען נישט מעלה־גירה, שטעקן זיי תמיד אויס א חזיר־פיסל! אזא קריטיקער נישט ער זעט דאס בוך, נישט דעם מחבר, נישט דאס פאלק — ער קראצט זיך כסדר דארט ווו ס׳בייסט אים! דאס וואס ס׳איז אים נישט געלונגען וויל ער רק באווייזן, אז ס׳איז אויך דעם אנדערן נישט געלונגען.

בדרך כלל איז דער סארט לייכטזיניקע קריטיקער נוצלעך פאר א לעבעדיקע ליטעראטור, ווי לאנג זייער חוצפה און איינגערעדטקייט דערגרייכט נישט ביז קראנקהאפטיקייט. די נגיעות׳דיקע, פניות׳דיקע און חריפות׳דיקע פרישמאנדלען קריטיקער מיט זייער בייסנדיקע סאטירע, מכלומרשט, וואס סך הכל איז עס א ליטעראריש רכילות׳ל, אדער א קאקעטירט פארשטעלט חניפה׳לע, זיינען זיי אבער שארפזיניק גענוג צו פאראינטערעסירן, ריכטיקער צו פאראינטריגירן דעם האלב אינטעליגענטן לייענער. דאס ביסל זיך אנגעלייענטע „אייראפעאישקייט" און דאס פאן־בראטסטווע מיט די „גרויסע וועלט" פון שרייבער און ליטעראטן האט זיין רייץ!... און אויך דאס לאקאנישע ווירטואזע פון זייער לייכטן סטיל — ס׳זיינען די קינסטלערישע נציצים פון זייער פארטאכלעוועטן, אדער פארצוקערטן ביסל טאלענט, וואס שפריצט אזוי פינקלענדיק פון זייערע פובליציסטישע און פעליעטאניסטישע „מאמרים".

בדרך כלל זיינען זיי א נוצלעכער און אויך א נויטווענדיקער טייל פאר א ליטעראטור, זיי געהערן שוין אויך צו א באשטימטן סוג, זיי זיינען דער גראד־מעסטער פון ביכער־מארק, זיי שרייבן תמיד נאר אויף באשטעלונג — זיי זיינען דער סימפטאם פון א לעבענס פעאיקער ליטעראטור! דער מין פראפעסיאנעלע קריטיקער איז אויך נישט אראפגעפאלן אין מיטן מארק אריין פון לויטערן הימל — זייער טאטע איז דוד פרישמאן! דער פראטאטיפ פונם קריטיקער מיט די ארויסקוקנדיקע געניזענע פעדערן פון אונטער ביידע אויערן אפויער.

זייער גרויסער טאטע דוד פרישמאן, א שריפטשטעלער פון פארמאט, וואס האט באמת געמיינט מיט זיין „יפיפתו של יפת"! אז ער האט זיך נישט נאר בלויז בארימט מיט זיין „פראנצויזישע גוווערנאנטקע", באווייזן זיינע אייגענע דיכטונגען און דערציילונגען און ועל כולם זיינע געוואלטיקע איבערזעצונגען פון דער אייראפעאישער ליטעראטור. און זיין קריטיק ווי בייסיק, ווי קנאי׳דיק זי איז נישט געווען, אז זי אפט געווען פון אן אויפבויענדיקן בליק, ווייל פאר זיינע אויגן האט ער געהאט די „אהלי של שם"! און די פולבלוטיקייט און שארפקייט פון אזא קריטיקער איז דער סימפטאם פון די פולבלוטיקייט פון דער ליטעראטור, וואס קאן אים דערטראגן. — זייער גרויסער טאטע, ווען די מאניע איז אים באפאלן (זיינע באקאנטע אנפאלן איבער איינעם פון אונזערע גרעסטע: י. ל. פרץ) האט ער זיך באהאלטן אונטער א פסעוודאנים. ווייל ער, דער גרויסער און אחריות׳דיקער שרייבער האט געוווסט



דעם פארברעך וואס ער באגייט, אבער ער האט זיך נישט געקענט העלפן און אז „יעשה מה שלבו חפץ" זאל מען זיך כאטש פארדעקן, פארקליידן אין פרעמדע קליידער, ווי דער דין איז — דוד פרישמאן האט געוווסט וואס א גרויסער שרייבער איז, ווייל סוף כל סוף איז ער אליין, פרישמאן, געווען א שרייבער פון פארמאט.

זיי אבער, די פרישמאן־אייניקלעך, שרייבן נישט קיין קריטיק איבער א בוך (אויך מיר אן עסק אין דער יידישער ליטעראטור, משטיינס־געזאגט, אנצושרייבן א בוך — מיט איין כהרף־עין האבן זיי׳ס אנגעשריבן! אבער ווער וועט זיך גיין פארברודיקן די עסטעטישע שפּיץ־פינגער מיט דעם שונד־געמויזעכץ ארום דער גנילאפּיאטיקע) זיי זיינען קריטיקער, זיי קראצן זיך מיט די פעדער, דארט ווו ס׳בייסט זיי די אייביקע בייסעניש... און ווי זיי שעפן דאס דעם נחת פון זייער געניאלישקייט און פאראדאקסישקייט! (ווארים ווער פילט דען נאך אזוי די הנאה פון זיך קראצן, ווי דעם וועמען ס׳בייסט...)

נאכאמאל, די קריטיקער פון דעם לעצטן סוג, פון די לעצטע מדרגה, געהערן צו אונזער שעפערישער קריטיק, ווייל מאנכע מאל, זוכנדיק כסדר דעם וויאיקן און שוואכסטן פונקט אינם שרייבער, טוען זיי א געוויסע נויטיקע ארבעט פאר דער ליטעראטור. זייער אריגינאלקייט, אפילו ווען ס׳איז אפטמאל נישט איינגאנצן זייערס, צוזאמענגעשלעפט פון דא און דארט, פאר אזא יונגע ליטעראטור ווי די יידישע, קאן זי עס אויך נאך פארדייען. זיי זיינען אבער נאר נוצלעך אזוי לאנג ווי עס באפאלט זיי נישט די איינגערעדטע קראנקהייט און מאניע; דערגרייכט עס אבער שוין אזוי ווייט, ווערט זייער קלוגקייט (זיי זיינען ס׳רוב זייער קלוג!) שוואכער און די שארפזיניקע חוצפה נעמט די אויבערהאנד, מוז מען זיי אנווייזן זייער פלאץ וואהין זיי געהערן — אונטערן שטריך פון א טעגלעכע צייטונג! מוז מען זיי אפן זאגן אז זייער מעלה־גירה׳דיק „שונדעוועז" נעמט מען נישט ערנסט אין אונזער יידישער ליטעראטור.

3

## אונזערע לאנדאנער קריטיק־שרייבער

אין אונזער ישוב דא, אויב מיר קאנען איבערהויפּט פארצייכענען קריטיקער פונם ערשטן סארט, איז בלויז פון דעם סוג פון ליטעראטור־רעצענזענטן. דאס זיינען מאררים מייער׳ס צופעליקע ארטיקלען איבער די ביכער, וואס דערשיינען דא — שוין ווי א רעדאקטאר און אן ארויסגעבער פון א צייטונג איז עס מער ווי אן אינטערעס און אויך מסתמא ווי א חוב־דינסט פארן ישוב דא; אדער מ׳קאן עס אויך צושרייבן צו זיין ליבע צו דער יידישער שפראך און ליטעראטור, פון וועלכער ער רעדט אפט באגייסטערט אין זיינע רעדעס און אין ארטיקלען. און אויף וויפיל ס׳געשעט איז עס זיכער פון פאזיטיוון און אויפבויענדיקן זין! אלנפאלס מוט צוגעבענדיק צו די וואס באשעפטיקן זיך דא מיטן ליטערארישן יידישן ווארט, און אויך א געוויסער דערציערישער און עסטעטישער ווילן צו באלערן דעם לעזער, פילט זיך ארויס פון די קריטיק־

אַרטיקלען, ווען מ. מייער שרייבט וועגן שרייבער און פּאָעטן מחוץ פון אונזער ישוב. און אויך דאָס וואָס יוסף לעפטוויטש מאַכט אין די ענגליש־יידישע אויסגאַבעס, כאָטש אויף אַ ביסל אַ פּאָעטישערן און גייסטיק־ראַפינירטן אופן, זיינען זיי אָבער אויך נישט מער ווי צופעליקע איבערפלעכליכע רעצענזיעס, זיכער מיט אַ גוטער כונה, דעם נישט יידישן לייענער צו באַקענען מיט די שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור, און אויך לעצטנס מיט די ליטעראַרישע באַמיאונגען דאָ אין אונזער ישוב.

אַזאַ לאַרנעטן־טרעגער פון אַן אייראָפּעאישע גאַלעריקע אַראָפּ, פון די אויגן זיי נישט אַראָפּצונעמען פון שיק־וועגן און ווייל שוין אַלט־בתולה׳דיק אַ ביסל, איז לעאָ קעניג אין אונזער יידישער ליטעראַטור. און ממילא ווי קאָן אַזאַ איינער זען, (אַז זיינע „געדאַנקען און שטימונגען" זיינען אין דער גרויסער־וויטער און רייכער וועלט עטריש פאַרפלויגן...) וואָס אַרום אים אין זיין נאָנט גייט פאָר און וואָס ס׳געשעט דאָ אין אַרומען ישוב, אַז זיין פלאַץ (און ער פאַרנעמט אַ שיינעם אָרט!) אין דער יידישער קריטיק איז דאָך גאָר אָפּצוואַרטן צי באַווייזט זיך נישט פון דערווייטנס עפּעס עקסטראַוואַגאַנטעס און פּיקאַנטעס אַ ביס צו טון דערין, און מיט זיינע לאָרנעטן צו לויערן: אויפ׳ן האָריזאָנט זאָל זיך, חלילה, נישט באַווייזן די לבנה... איז דאָס אַ שטיקל ענין פאַר אַזאַ יונגען קיבוץ ווי דער לאַנדאָנער, ווו דאָס יידישע שאַפן איז אַזוי ווייניק אויסגעזייט געוואָרן און נאָך ווייניקער דערפון איז געצייטיקט און אויפגעגאַנגען, צו האָבן אַ קריטיקער, וואָס זיין נאָמען, אַלס אַזעלכער, לאָזט זיך הערן איבער דער יידישער וועלט —

איז אָבער דער זעלבער קעניג לעצטנס אַרויס מיט זיין קרעדאָ „ווען קריטיק ווערט אימפּאָטענט" — דאָס איז דער ערשטער זאַץ פון זיין „חילול שלום אַש" און דאָס איז שוין זיין דריטער „ליבנסווירדיקער" אַרטיקל געגן אַש׳ן, אין אַ משך נאָר פון איניקע חדשים. איידער נאָך ר׳האָט אָפּגעדרוקט זיין „ידידי־בריוול" אין דער „מצודה" האָט ער נאָך געכאַפּט פיש פאַר דער נעץ — אינם היגן „אַרבעטער רינג" זשורנאַל! דריי מאָל נאָכאַנאַנד איז אַן אַקס שוין אפילו אַ „מועד", בפרט אַ „ראַפינירטער" קריטיקער... און איז דאָס נישט דער גאַנג פון אַ תם אַ „מזיק"? און אינ׳ם דריטן אַרטיקל, ווי עס שיינט איז עס שוין געשריבן פון אַ געוויסן געוויסנסביסן; (אָבער נאָר דעם וואָס בייסט קאָן זיך דאַכטן מיט אַ קראַץ זיך טון ווערט בעסער...) אָדער אפשר (ווער קאָן אַזוי קלוג זיין?) פון אַ ווייַ־חכמה׳דיקן „כאַפּט דעם גנב"?!

ווי נאַאיוו, מיט אַזאַ קעניגלעך יוקעצל „איך האָב קיין ליטעראַריש־קריטישן אַרטיקל נישט געזען אין דער יידישער פּרעסע וועגן שלום אַש׳ס „נוצרי", נאָר בלויז פּסעוודאָ טעאָלאָגישע און היסטאָרישע חריפות׳ן", אָבער באמת דאָס איז טאַקע דאָס שיינע וואָס פון אַלע באַקאַנטע און אָנגעזעענע קריטיקער האָט קיינער פון זיי קיין פינגער נישט צוגעלייגט צו די אָפענע ווונד פון שלום אַש׳ס פאַרוויטאָגטע האַרץ — — אויף די אַלע רבנישע און רעדאַקטאָרישע משרתים׳לעך און יוצר־משרתים׳לעך פייפט שלום אַש ווי זייט „דאָרף־צדיק"! אַש איז אַ גרויסער יידישער קינסטלער און איז שטאָלץ עס



צו זיין! מער וויל ער אויך מסתמא גאָר נישט זיין, קיין אַנדערע אַמביציעס האָט ער זיכער אויך גאָר נישט. איי, דער בראַדוויי האָט נויטיק אַ גרויס־קאָכעניש און וואַרפט אַריין אין איר רעוורענדישן טשאַלענט־שמעלץ־טאָפּ שלום אַש׳ן, ווייל זי האָט נישט קיין גרעסערן אויף אַריינצוואַרפן — ווערמען גייט דאָס אָן? עס וועט אי״ה זיך אויסקאָכן! דערזעט דאָס אָבער דורך זיינע לאָרנעטן לעאָ קעניג אַזש דאָ אין לאָנדאָן און נעמט זיך באַלעקן מיט די אָפענע ווונד, נישט נאָר שלום אַש׳ס, נאָר אונזער אַלעמענס; און נישט פוגע בכבוד זיין וויל ער אַ גרויסן שרייבער, נאָר באַשיצן דעם כבוד פון דער הייליקער קונסט — שונד עליך!! ווי שטאַרק זיי ווערן דאָס די טעאַטראַלע גבורים, ווען זיי מיינען, אַז זיי האָבן אַרויסגעפונען יענעמס שוואַכן פונקט — — —

נישט מיר ווילן דאָ זיך אָננעמען פאַר אַש׳ן — דער לייב שפּירט נישט אַז אַ פליג שטעלט זיך אויף זיין גריווע! נאָר מיר דאָ, צו באַשיצן די ערע פון אונזער ישוב, קאָנען מיר זיך נישט איינהאַלטן צו געבן אַ לייכטן מאַך מיט דער האַנט: אַששש! (און מיר ווילן נישט „אָנרירן" קעניג׳ס קרוין, מיר ווילן נאָר אָנווייזן דעם גראַד פון איר מעטאַל. און באמת, זי איז ווערט גענוג ער זאָל מיט איר אומגיין מער שאַנעוודיג.)

• • •

נאָך דעם טיכטיקן שריט אויף צוריק, האָף איך, אַז ס׳וועט מיר געלונגען דער צילנדיקער שפּרונג פאָראויס; צו דערפאַסן דעם שאַפנדיקן כוח פון אונזער ישוב צו זיין ווייטערן אָנשטרענג, אַז מיר דאָ זאָלן נישט חלילה צוריקבלייבן אינם שעפערישן גאַנג פון אונזער יידישער ליטעראַטור. לעאָ קעניג׳ס „נישט זיכערקייט מיט דעם (עס מוז זיין דער!) צוקונפט פון אונזער יידישער שפּראַך", האָבן שוין אונזערע בריט־פּלייציקע „טאַטע מיט בנים" צעטראָטן מיט זייערע גרויסע סהל־המסומר־שטיוול. (נישט יענע וועלכע שטעלן זיך אַרויף אויף פרעמדע פּלייצעס זעען די צוקונפט — די וואָס גייען נאָנט צו דער ערד מיט שווערן טראָט דערשפּירן זי אין זיך! דאָס נאָר בדרך אגב!)

און נישט נאָר אונזערע עלטע גרויסע שרייבער און דיכטער האָבן נישט געוואַרט מיט זייער שרייבן ביז ס׳וועט זיך לוינען, ביז זיי וועלן זען ווי דער מאַרק וועט זיך אָפּשטעלן, נאָר אויך אונזערע ערנסטע און גרויסע קריטיקער געהערן צו די שאַפער פון אונזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס מיטן בלוט פון זייער בלוט האָבן זיי זי דערנערט און לעבנס־פעאיק זי ענטוויקלט; וואָס זייער גאַנצער געדאַנק און ווילן איז איין גרויסער אחריות׳דיקער אָנשטרענג און מסירת־נפש׳דיקע אַרבעט פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון אונזער יידישן שאַפן. אַז אַך און ווויי, מישטיינס־געזאָגט, וואָלט שוין געווען צו אַזאַ ליטעראַטור, ווען ס׳וואָלט חלילה אַנדערש געווען.

אונזער פאָלק (און בפרט איצט!) קאָן זיך נישט לייסטן קיין עלפנביין־טורעם פאַר זייערע שרייבער און קריטיקער — די גייסטיקע שאַפערס מוזן אַליין זיין די לאַסט־טראָגנדיקע עלעפאַנטן דורכן מחבר פון יידישן לעבן, זיי אַליין מוזן טראָגן די געשאַפענע קולטור־אוצרות אונזערע און מיט זייער שווערן און זיכערן טראָט דעם וועג אויסטרעטן פאַרן ווייטערן גאַנג פון יידישן

לעבן — דאָס איז אויך די טראַדיציע פון אונזער נצח׳דיק לעבן! „וואָרן נושאי את נושאיו“, אַזוי זײַנען מיר געגאַנגען אונזערע וויסטעסטע וועגן, זיכער צום ציל פון אייביק אָן.

און מיר דאָ אונזער קליינער שאַפנדיקער קיבוץ, אין דער שווערסטער צייט פון אונזער קיום, ווען אונזערע גייסטיק שאַפנדיקע גרויסע ישובים ליידן אַזוי געוואַלטיק, ווען אונזערע שונאים האָבן זיך פאַרמאָסטן אונז אויסצוראָטן, חלילה, איז אונזער מינימום חוב קודם די וואָרצלען פון אונזער שאַפן צו באַשיצן און צו באַהיטן, די שאַפנדיקע טראַדיציע אונזערע ווייטער צו ציען; נישט נאָר פון פיעטעט וועגן, נאָר דאָס זײַנען די וואָרצלען וואָס האַלטן אונז צוזאַם, ווי די שטיקער ערד וואָס ווערן צוזאַמענגעהאַלטן דורך די וואָרצלען און די וואָרצל־הערלעך וואָס שטעקן אין זיי.

## צו דער בילדער-אויסשטעלונג פון יענקעל אדלער

פאַר דער יידישער קונסט איז יענקל אַדלער קיין פּנים־חדשות נישט; ער געהערט שוין צו אונזערע מאָלער מיט אַ באַשטימטן אויסדרוק און אַן אייגענע יידישע פאָרעם. שוין אין זײַנע ערשטע בילדער, זײַנע געזונטע קליינשטעטלדיקע מוידן און יונגען, וואָס זייערע שפּראַציקע געזונטע לײַבער האָבן אַרויסגעוואַקסן פון זייערע קליידער, ווען זײַן פעטער פּענזל האָט זיך נאָך פאַרכלינעט מיט העלע פאַרבן־ליכטיקייטן, און אין זײַנע כּלי־זמר׳שע מוזיקאַנטן, אין וועלכע זײַן געפיל־אויסדרוק האָט נאָך אויפגעריסן יעדע צו פעסטע פאָרעם, האָט זיך שוין געפילט זײַן שטאַרקע נטיה צום קוביזם. מיט זײַנע ערשטע פעסטע שטריכן האָט ער שוין געצייכנט דעמלט זײַן ווייטערן און זיכערן וועג.

„יענקל אַדלער איז דער יידישסטער און טאַלענטירטסטער איצט דאָ און וואָס האָט געוווּסט ווו צו לערנען. עס איז אַ גרויסע זאַך פאַר אַ יונגען קינסטלער צו וויסן ווו צו לערנען! אַ מענטש מיט אַ ברייטן פאַרנעם, מיט ברייטע און דאָך אויסגערעכנטע פאָרמען, מיט אַ שלום־אַש׳ישע געזונטקייט און שטעטלדיקייט, און וועל כּולם גוט פאַרשטאַנען די סימעטרישע אויסרעכענונגען פון אַ בראַק, (אפשר מער ווי שאַגאַל!) האָט ער פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. ער האָט לײַכט איבערוווּנדן די פּרימיטיווע, — די נישט קלאָרע בענקעניש פון די יונגע מאָלער נאָכ׳ן חיה׳שן וועלט־קריג! — און עס איז אַרויסגעקומען: לאַדזשער (אַדלער איז אַ לאָדזשער) באַלוטער אויסגעוויסטע שטובן לכבוד פּסח מיט אַ סך בלוי און רויט און נאָך גלאַשענער ווײַסער קאַלעך; און איז אַ לאָך פאַראַן אין דער וואַנט איז פאַרריבן מיט אַ ביסל וואַפּנע! און סענקעס פון יענע האַלצערנע באַלוטער באַלקאָנס יום־טוב׳דיק אויסגעוויסט מיט אַ סך פּוילישע פרילינג־זון קוקן נאָך עד־היום אַרויס אויף יעדן זײַן געמאָלענעם בילד. און ווײַל ער איז עפּישער ווי שאַגאַל וועט ער האָפנטלעך האָבן כּח דעם קוביזם ווײַטער צו פירן און אויסצואַרבעטן, נישט נאָר צו פאַראַרבעטן און אויסצונוצן. ער איז דער יידיש־פּוילישער מאָלער בנוגע פאַרב און רחבות׳דיקער ברייטקייט, — אַזוי פיל רחבות און וואַרעמקייט! —



אַזש מאַנכעס מאָל שטערט עס אַ ביסעל פּונקט ווי ביי אַש׳ן — עס איז מער פּוילישע זון ווי פּוילישע ערד! און אפשר מהאי טעמא איז ער טאַקע שטעקן געבליבן אין וואַרעמען היינישן דיסלדאָרף, אין ריינלאַנד און נישט אין קאַלטן פּרייסישן בערלין“...

דאָס ציטיר איך פון מײַן אַרטיקל „יידישע מאָלער אין דייטשלאַנד“, געדרוקט מיט קרוב 15 יאָר צוריק אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“. פרייט עס אַצינד צו זען זײַן אויסשטעלונג דאָ אין לאָנדאָן; עס פרייט צו זען, אַז ער איז זײַן וועג געגאַנגען, טראָץ אַלע שווערע אויסערליכע מניעות. זײַן וועג איז פאַר דער נאָך יונגער יידישער מאָלעריי אַ וויכטיקער, ווײַל ס׳איז יענער ברייטער שליאַך פון די גרויסע פרעסקאָ מאָלער, וועלכער הויבט זיך נאָך אָן מיט דזשאָטאָ. יענקל אַדלער מאָלט נישט מיט פאַרבן, מישט זיי נישט אויף דער פּאַליטע צומאָל (אַזוי גלויבט זיך). זיי ווערן אויף די לײַוונט ביי אים אויסקאָמבינירט, פּונקט ווי זײַנע זיך שאַפנדיקע קוביסטישע פאָרמען.

וואָס איז אַזוינס קוביזם? דער קינסטלער פון אונזער עפּאָכע, שטייענדיק אַזוי זון־פאַרגייענדיק אינם עמק־הבכא פון מענטשלעכן שאַפן, סקעפּטיש ווערנדיק צו אַלע „פּייזאַזש“־שיינקייטן „ענטערערס“ און „שטיל־לעבנס“ — און וואָס איז שוין מישטיינס־געזאָגט דאָס לעבן בכלל און שיינקייט פון וווּנדערלעכסטן „פּרויען־אַקט“, אָדער דער אייגענער זיך באַוווּנדערנדער „זעלבסט־פּאָרטרעט“, אַז דער מענטש איז אַזוי ווי ער איז? אַז אַלע זײַנע שאַפונגען און דערפינדונגען קאָנען די וועלט און דאָס לעבן אַזוי צעשטערן? ווי קאָן מען האָבן צוטרויען צום מענטשלעכן פּנים און צו אַלע זײַנע שיינקייטן, אַפילו ווען זיי שטראַלן אַרויס מיט זייער גאַנצער אינערלעכקייט? אַז נאָך וואָס די גאַנצע מי וואָס מיר באַמיען זיך, אַז ס׳איז „דור הולך ודור בא“ מיט דעם אייביקן טויט און צעשטערן?

דעמלט אין דער סקעפּטישער קהלת׳דיקער פאַרצווייפלונג פאַרלירט דער שעפערישער מענטש דאָך נישט זײַן פאַרמעריש באַוווּסטזײַן, דעמלט דערזעט ער די וויזיע פון די „עצמות היבשות“: אָבער די פאָרמען גופא קאָן מען נישט צעשטערן! יענע קנאָכיקע געשטערעקטע און ווינקלדיקע אור־פאָרמען זיי קאָנען אייביק און ווידער קאָמבינירט ווערן און סקעלעטיש צוזאַמענגעשטעלט ווערן צו אייביק נייע און ווידער דערלעבטע געשטאַלטונגען.

און איז דען נישט די נאַטור, די גענייאַלע שאַפערין פון אַלע שיינקייטן און געשטאַלטן, אַזאַ קוביסט־קינסטלערין? וואָס איז דען אַ בלום עפּעס אַנדערש ווי אַ צאָל קליינע טיילן (בלעטלעך!) סימעטריש אין אַ קרייז גע׳סדר׳ט און צוזאַמענגעשטעלט? אַ סימע פון שטראַלונגען צוזאַמענגעפּאַסט אין אַ קאָמבינאַציע איז דער וווּנדערלעכסטער זון־אונטערגאַנג! און די שיינקייט פון מענטשלעכן גוף איז דאָך סימעטרישע פאַרדאָפּלונג און אַקעגנשטעלונג פון קנאָכן און גלידער!

און די פאָרמען קאָן קיין מאַכט נישט צעשטערן! אינם קליינסטן נאָך איבערגעבליבענעם אַטאָם קרייזן די פאָרמען צום וווּנדערלעכסטן בילד־געשטאַלטונג. און דאָס איז דאָס שעפערישע אינם מענטש: אין אונזער צעשטערטער



„דער כהן" פון יענקל אדלער

צייט צו קאנען זיך שפילן מיט אונזער חרוב'דיקער וועלט איצט ווי א קינד מיט א קאלײדאסקאפ וואס פון די געפונענע פיצעלעך, וואס ס'געפינט און לייגט דערין אריין, שפיגלען זיך אים ווידער צוזאם און סדר'ן זיך אים אויס אין די וואונדערלעכסטע שיינקייטן. אזוי־א פארשטיי איך די גרויסע קוביסטן ווי פיקאסא און בראק, קאנדינסקי און קלעע.

ביי אונזערע קוביסטן, ווי שאגאל און ליפשיץ און אויך איצט יענקל אד־לער, איז דאס יידישע ביי זיי אונזער נצחדיקער גלויבן, וואס קאן קיינמאל נישט



צעשטערט ווערן. פון זייערע פארמען ארויס באווייזן זיך תמיד די ליכטיקע אייביקע געשטאלטן. פון שאגאל'ס פארביק־לירישע שטימונגען, פון זיינע פאר־ווישטע „שויתי"־ און „איקאנע"־קאלירן שטראלט תמיד ארויס דאס מיסטישע פנים פון זיין געליבטע, פון זיין פארטרוימטן איך, און ווען דאס, חלילה, קאן צעשטערט ווערן, באווייזן זיך אים מלאכים — — און זיינע יידן אויף די דע־כער דאס איז דאך אונזער נישט צעשטערטער הומארפולער אידיאם! און דאס זעלבע ביים יונגערן, ביי אדלער'ן, זיין יידישע עפיק קאן נישט צעשטערט ווערן: אין זיין זכרון עפנט זיך אויף דאס קוביש־צוזאמענגעשטעלטע און ס'נעמען זיך ארויס, אויף א האר נישט געשעדיקט, די מאמעס לייכטערס — — און זיי־נען העז די בענטשנדיקע הענט פונם „כהן" געשעדיקט אין אונזער אלעמענס יידישן זכרון? און איז די מאמעס ליכט־בענטשן נישט די אסאסיאציע צו זיי? און דער זעלבער יידישער גלויביקער פראצעס געשעט ביי ליפשיצעס קובישע סקולפטורן, אינמיטן זיין אויסהאקן ריינע אור־פארמען, דערשיינט אים בולט זיין גלויביקע נישט צעשטערטע וויזיע.

יענקל אדלער האט א סך געלערנט ביי די דערמאנטע אייראפעאישע קו־ביסטן אויך מסתמא ביי מאקס ערנסט און אנדערע, אויך שוין ביי אונזערע יידישע, און אין זיין שטארקע נטיה צום פרעסקא האט ער פארשטאנען זיך צו שאפן זיין קינצלעכן שטאף פאר זיינע בולט'ע לייווענטן, ווי די מאלעריי בכלל האט זיך געשאפן איר קינצלעכן דריי־דימענזיע רוים אויף די פלאכע לייוונט. און אויך האט אים געהאלפן דאס קונסט־געוועבישע, וואס ער האט אין זיך, אז ער זאל קאנען זיינע פרעסקא־בילדער, וועלכע ברויכן ברייטע אפענע ווענט, זיי אריינפאסן אין די רעמען אריין, כאטש מיט זייער דעקאראטיווקייט רייסן זיי די רעמען אויף, פונקט ווי זיינע ערשטע בילדער, מיט זייערע געזונטע שפראציקע לייבער סטארטשען תאוה'דיק ארויס פון זייערע קליידער. אט־אט די אשישע געזונטקייט, די פויליש־יידישע ארויסשפראצנדיקע און ערדישע אריינגעוואקסנקייט איז אדלער'ס אייגנארטיקער און שטארקער אויסדרוק.

א. נ. שטענצל

---

א. ג. בערמאן.

## איך פארקויף העפטלעך

(פאר'ן פאראיין פריינט פון יידיש־לשון)

איך לאז זיך ווידער אין גאס ארויס מיט א גרעסער פעקל פון העפטלעך דאס מאל, און שטאלץ ווי א שפאניער; עס ווילט זיך מיר דוקא באזוכן מיינע שוין באקאנטע דאמען־קונים, זאלן זיי זען אז איך בין נישט נאר דער העפטל־פארקויפער נאר אויך דאס אונזער פאראיין לאזט מיך ווען ניט ווען שרייבן דערין א פאר שורות, קורץ אבער גוט...

באזוך איך איר אפיס און טרעף דארטן די עלעגאנטע הויכגעבילדעטע דאמע. זי דערציילט מיר דאס מיינע פריערקע באזוכן און מיינע העפטלעך האבן דערוועקט איר נייגעריקייט. זי האט דאך באזוכט 63 מענסעל סטריט, זי שיל־

דערט איר באגייסטערונג פון דעם פארטראג וועלכן אונזער משה עובד האט דעמאלט געהאלטן, פון זיינע אידעאלן און פון זיין איידעלע שטימע א.אז.וו. איך פרעג איר אויב אנדערע פון אונז האבן אויך ביי איר עטוואס אן איינדרוק געמאכט. נאטירליך האף איך צו הערן דאס מיך אין מיין אויבנאן שטאט, אין מיין ערשטן גלאנץ, וועט זי זיכער האבן באמערקט. אבער א נעכטיקער טאג. איך זאג איך אלעמען, מיך האט עס זייער פארדראסן. איך בין משה עובד'ן איבערהויפט נישט קיין שונא, איר ווייסט דאך, אזוינס איז מיר גאנץ פרעמד; איך קען זיך אבער נישט באהערשן, איך בין אים שטארק מקנא, מער נישט — אפנים איך וואקס א שרייבער! צו די ליטערארישע דאמען אבער וועלכע פרעגן מיך וועגן ביכער, ענטפער איך: קויפט, בארגט, גנב'עט „וויזיאנען און איידל־שטיינער" פון משה עובד, לאנדאן. וועלכע דאמע איז דען נישט אינטערעסירט אין איידלשטיינער און ווער פון אייך האט נישט וויזיאנען? מיינע איידלשטיינער זיינען ליידער שוין לאנג נישטא! פארקויפט, פארזעצט און אויך פארשאנקן. (ניין, פרעגט ניט צו וועמען און פארוואס, איך טאר ניט אויסזאגן!).

אבער „וויזיאנען" האב איך נאך פיל. איך דענק, א שטייגער, נאך דער איצטיקער מלחמה, וועל איך פארן נאך דער שווייץ, צו דעם זעלבן האטעל דארטן אויף דעם הויכן בארג. דארטן פילט מען זיך ווי א פויגל אין דער לופטן. דארטן אנצוקומען מוז מען פארן אויף דער קליינער באן וועלכע דרייט זיך ארום און ארום דעם בארג שרויפנארטיק ביז מ'דערגרייכט גאנץ אויבן. פון מיין ליבלינג צימער אויפ'ן באלקאן פלעג איך גאנץ פרימארגנס ארויסגיין באטראכטן דעם ארום און ארום און הערן אלע פויגל זינגערייען. ליבער אבער איז מיר געווען די פארשידענארטיקע קלאנגען פון די האלצגלעקער, וועלכע די דארטיגע קי און אקסן טראגן אויף זייערע העלזער, די פאסטוכער זאלן הערן און דאדורך וויסן ווו זייערע בהמות געפינען זיך. אלזא בלייבט איינע פון מיינע „וויזיאנען" באלד נאך דער מלחמה טאקע דארטן איינצולאדן גאנץ 63 מענסעל סטריט, ווו מיר זאלן האלטן אונזערע שבת נאכמיטאקס. שוין גענוג אלע „שי־קאנעס" און געדרענג פון 63, אויב שטענצל באשטעלט נישט גענוג שטולן און בענק; וואס פעלט דען דעם וויכן גראז דארטן? די פאדערשטע רייע און די בעסטע פלעצער מוזן בלייבן רעזערווירט פאר יענע דאמען וועלכע עס וועט געפעלן מיינע ארטיקלען „איך פארקויף העפטלעך".

אמאל פלעגן מיר די העפטלעך־קונים פרעגן קשיות. איצטער פארשטייען זיי שוין אלע אונזערע וויזיאנען! מער און מער סיקספענסעס פאר העפטלעך און כסדר מער און מער געסט אין 63 מענסעל סטריט, יעדן שבת 3 אזייגער (איינטריט פריי).

## גערמאניע

I

עס שלאגט אויס אצינד דיין לעצטע שעה,
פון דער ערד אפגעמעקט זאלסט ווערן;
א פרייד ס'וועט גיין איבער גאנצער וועלט,
דיין גסיסה־כארכל מ'וועט דערהערן..



נישט ווייל פארביטערט ס'איז מיין געמיט,
איז נקמה זיס פאר מיין גומען —
אז דער רוצח ליגט א טויטער
איז די שרעק ערשט אוועקגענומען!

ווי ליכטיק ס'וועט ווערן אויף דער וועלט,
אין אלע אויגן אזא שיינען!
אונז'רע הערצער וועלן אויפיובלען
אין מיטן זייערע געוויינען — — —

און וויסט מוזן ליגן דיינע שטעט
פאר קומענדיקן דור א צייכן:
אז קיינמאל מער ס'וועט נישט אויפשטיין מער
א רוצח אזא — דיינסגלייכן.

II

כ'האב אים געזען דיין קעלענער דאם,
ווי א לאנץ־קנעכט איז ער געשטאנען,
א סאלדאטישער גולם אזא,
פארשטיינערט מיטן אין זיין שפאנען.

דער גרויער שינעל ביז צו די פיס,
מיט מעדאלן די ברוסט באהאנגען,
די פיקע אין ארבל — זיין צלם!
גאט אין הארץ אריין צו דערלאנגען.

כ'האב אים געזען דיין קעלענער דאם,
און ערשט דעמאלט כ'האב דיך פארשטאנען,
מיט אייגענע אויגן עס דערזען
ס'פארשטיינערטע הארץ פון די גערמאנען.

„שקץ תשקצנו!" אויסגעשפיגן,
און בין ווייטער מיין וועג געגאנגען!
די באמבע איצט וואס געטראפן,
דער עכא פון די תשקצנו־קלאנגען.

III

דו ברויכסט דאך נאך דאמען און קירכן
גאט צו לעסטערן און צו שענדן,
פונקט ווי דיינע שאכטעס פאבריקן
גאנצע וועלט דערמיט צו פארלענדן.

אלע פעלקער דיר צו פארקנעכטן,
אדער פון דער ערד אפצווישן,
און דיינע אוניווערזיטעטן
לאבאראטאריעס גיפט צו מישן —

פאַר דיר אַליין דו האָסט עס געמישט,
ביז אויפ׳ן דנאָ עס אויסצוטרינקען!
און אין בלוט וואָס דו האָסט פאַרגאָסן,
אויף אייביק אַצינד צו פאַרזינקען — — —

טויזנט שול׳ן אונטערגעצונדן!
אַ שטורקאַץ פאַר דיינע אַרמייען!
ברענט אַ טויטן־ליכט דיין קעלנער דאָם
איצט ביי דיינע ווידוי־געזאַנגען — —

IV

אַלע דיינע הייזער פּאַלאַצן
אַ שטיין אויף אַ שטיין מ׳וועט צעשטערן,
וועט דען גענוג זיין אויף מצבות
פאַר די טויטע געשטעלט צו ווערן?

ווען דען אַלע דיינע וועלדער,
אויסקאַרטשענדיק זיי, דען גענוגן,
אַז יעטווידער געפאַלענער כאַטש
אַ ברעטל אויף קבר זאָל קריגן?

און האָסט דו דען אַזוי פיל מענטשן,
(ווען מ׳זאָל דיין זינד שוין פאַרגעבן!)
אַז זאָלסט קענען באַצאָלן מיט זיי
אַ לעבן צומאָל פאַר אַ לעבן?

פאַרוויסט וועסט בלייבן אויף דורות —
קין מוז טראָגן קין׳ס צייכן!
אַז קיינמאָל מער ס׳זאָל נישט אויפשטיין מער,
אַ רוצח אַזאַ דיינס גליכן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דעם 17־טן יולי, דער טראַדיציאָנעלער ביאַליק און הערצל ליטעראַרישער נאָכמיטאָג.

שבת, דעם 24־טן, וועט זיין געווידמעט דעם אָנדענקן פון משה נאַדיר. עס באַטייליקן זיך משה עובד, א. מ. קייזער, גאָלדבערג און ניסנבוים.

שבת, דעם 31־טן, אַ טרויער שבת פאַר אונזערע פאַרפייניקטע שרייבער און קינסטל׳ער אין די נאַצי לענדער.

שבת חזון, דעם 7־טן אויגוסט, וועט זיין אַ טרויער שבת צו דערמאָנען אונזער קדושים.

שבת, דעם 14־טן, דער טראַדיציאָנעלער שבת נחמו קלאַסיקער און פּאָעטן נאָכמיטאָג.

**א. נ. שטענצל**

פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי, 131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.
6 פּענס.



# יידישע מאלער אין לאנדאן

## יידישע מאלער אין לאנדאן

### 1. דער יידישער קלאסיציזם און סימאן סאלאמאן

נישט די ראָלע וואָס די שטאָט פּאַריז האָט געשפּילט פאַר דער יידישער מאָלעריי און פאַר דער ענטוויקלונג פון אַזעלכע קינסטלער ווי שאַגאַל און סוטין, מאָדעלאַני און פּאַסקען און פאַר צענדליקער יינגע יידישע טאַלענטן פון שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן צו דער שטאָט פּאַריז, ווו ס׳איז אויפגעגאַנגען דאָס ליכט פונם אימפּרעסיאָניזם און וואָס האָט געהאַט דעם „טאַטן פון אימפּרעסיאָניזם״, דעם ייד קאַמיל פּיסאַראָ, אפילו נישט די צווייטע פידל, ווי בערלין מיט מאַקס ליבערמאַן און לעסער אורי, מיט שטרוק און שטיינהאַרט, שפּילט אין לאָנדאָן דער יידישער מאָלער פאַר דער ענטוויקלונג פון דער יידישער מאָלעריי. אָבער פּאַראַלעל, אויף וויפיל ענגלאַנד בכלל שפּילט איבערהויפּט איר ראָלע אין דער אייראָפּעאישער מאָלעריי, אויף אַזוי פיל נעמט דער ענגליש־יידישער קינסטלער אַ געוויסן טייל אין איר, און אויף אַזוי פיל אויך איז ער באַטייליקט אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער יידישער מאָלעריי.

אויב ס׳זאָל זיין ריכטיק די השערה, אַז דער אימפּרעסיאָניזם האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען די ענגלישע מייסטער קאָנסטעבל און טערנער (איך האָב עס אויספירליכער באַרירט אינם העפטל „די מייסטער פון דער ענגלישער מאָלעריי״, מער נאָך אינם אַרטיקל „פּראָפ. מאַקס ליבערמאַן״ אין די וואַרשאווער „ליטעראַרישע בלעטער״ זומער 1932) איז טאַקע געווען אַ שטיק חייב דערין יענער ייד קאַמיל פּיסאַראָ, וועלכער האָט זיך געהאַט געראַטעוועט דאָ אַהער אין לאָנדאָן, אין דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה פון 1870. קענען־לערנענדיק די פאַרביק־ליכטיקע און לייכטע אַרט פון די ענגלישע מייסטער און צומייסטן אפשר די טערנערישע, די זוניק־צעפלימערטע, האָט ער, פּיסאַראָ, געשפּילט זיין יידישע ראָלע ווי אַ פאַרמיטלער, פּונקט ווי שפּעטער מאַקס ליבערמאַן, וועלכער האָט דעם פראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם אַריבעראימפּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

אָבער נאָך אַ סך פריער איידער מ׳האָט געוווסט דעם נאָמען פּיסאַראָ, איז שוין אַ יידיש־ענגלישער מאָלער געווען אַ מיטגליד אין דער לאָנדאָנער קעניגליכער אַקאַדעמיע; ס׳איז דער כמעט אינגאַנצן שוין פאַרגעסענער אַבראַהאַם סאָלאָמאָן, דער עלטערער ברודער אָבער ווייניקער טאַלענטירטער פון זיין יינגערן ברודער סימאָן סאָלאָמאָן. איך ווייס נישט צי די משפחה סאָלאָמאָן האָט איר פּלאַץ אין דער ענגלישער מאָלעריי, אפילו מיט זייער שוועסטער די